ב"ה

# טעראָפּי

- ענקזייעטי
- דיפרעסיע
- פאביעס
- עדיקשאָנס
- או.סי.די.
- פאניק אטאקעס
- סעלף קאנפידענס
- א.ד.ג.

גליון 87

געקליבענע בריוון פון ספר עצתו אמונה - ארויסגעגעבן דורך מוסדות היכל הקודש ברסלב - בנשיאות הראש ישיבה שליט"א

### מיין נאנטער חבר טשעפעט מיר, זאל איך אים אפלאזן?

*לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,*

*א ריזיגן יישר כח פאר אלע דרשות און חיזוק. איך האב געוואלט פרעגן אזוי, איך האב א נאנטער חבר מיט וועמען ס'איז מיר זייער געשמאק צו רעדן און פארברענגען, כאטש דער ראש ישיבה שליט"א זאגט טאקע אז ס'איז נישטא אזא זאך ווי אן אמת'ער חבר, אויסער די ווייב און קינדער, פונדעסטוועגן מיין איך אז מיר האבן יא א שטארקע קשר.*

*מיין שאלה איז נאר אז צומאל קען ער מיר ממש באליידיגן און ער טשעפעט מיר זייער שטארק, ער קען זיך נישט האלטן דאס מויל, זאל איך ווייטער בלייבן זיין חבר, און טון דאס וואס דער ראש ישיבה שליט"א לערנט אויס ביי שלום בית צו שלינגען און נישט ענטפערן, אבער זאל איך ענדיגן די חברותא'שאפט מיט אים?*

*א גרויסן יישר כח*

**תשובה מאת הראש ישיבה שליט"א:**

בעזרת ה' יתברך - יום ג' פרשת עקב, י"ט מנחם-אב, שנת תשע"ח לפרט קטן

לכבוד ... נרו יאיר. איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

### מען דארף האבן א חבר

א מענטש דארף האבן א חבר, ווייל אליינס איז זייער שווער זיך צו דערהאלטן.

חכמינו זכרונם לברכה זאגן (תענית כג.): "**אוֹ חַבְרוּתָא אוֹ מִיתוּתָא**", אויב מען האט נישט א גוטע חבר איז מען ווי א טויטער מענטש; נאך זאגן אונז די הייליגע חכמים זכרונם לברכה (אבות ב, ט): "**אֵיזוֹהִי דֶרֶךְ יְשָׁרָה שֶׁיִּדְבַּק בָּהּ הָאָדָם?**" וואס איז די ריכטיגע וועג ווי אזוי א מענטש זאל זיך פירן, "**רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ אוֹמֵר, חָבֵר טוֹב**", רבי יהושע זאגט ער זאל זיך נעמען א גוטער חבר, ווייל אז מען האט א גוטע חבר קען מען זיך מחזק זיין איינער דעם צווייטן.

### מען קען זיך אסאך לערנען פון א חבר

דער הייליגער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן, חלק א', סימן לד) דורך א חבר קען א מענטש איבער חזר'ן אלע תורות פונעם צדיק, אזוי אויך קען מען זיך לערנען פון א חבר מער וויפיל מען לערנט פונעם רבי'ן, אזוי ווי רבי חנינא האט געזאגט (תענית ז.): "**הַרְבֵּה לָמַדְתִּי מֵרַבּוֹתַי, וּמֵחֲבֵרַי יוֹתֵר מֵרַבּוֹתַי**", איך האב געלערנט אסאך תורה פון מיינע רבי'ס, אבער פון מיינע חברים האב איך געלערנט נאך מער ווי פון מיינע רבי'ס.

### וואס מיינט א חבר?

א חבר איז נאר דער וואס איז מחזק צו עבודת השם; מיר געפונען ביי דוד המלך ווי עס ווערט אויסגערעכנט אין תנ"ך אלע יועצים ביי דוד המלך אין פאלאץ, צווישן אנדערע טרעפט מען (דברי הימים-א כז, לג): "**וְחוּשַׁי הָאַרְכִּי, רֵעַ הַמֶּלֶךְ**", חושי הארכי דער חבר פון דוד המלך, פארוואס באקומט ער דעם טיטל "**רֵעֶה הַמֶּלֶךְ**"? זאגט רש"י (שם) ווייל ווען דוד המלך איז אריבער די מעשה פון בת שבע, האט דוד המלך געפרעגט חושי הארכי אויב ער זאל תשובה טון, צי דער אייבערשטער וועט אננעמען זיין תשובה, האט אים חושי הארכי מחזק געווען ער זאל תשובה טון, דעריבער ווערט ער אנגערופן "**רֵעַ הַמֶּלֶךְ**", דוד המלך'ס חבר; ווייל נאר דאס איז א חבר, דער וואס איז מחזק מען זאל תשובה טון.

### איז ער דען דיין חבר?!

מוהרא"ש פלעגט מיט אונז שטענדיג חזר'ן אז א מענטש האט נישט קיינעם בזה העולם, ווייל יעדער איינער מיינט נאר זיך אליינס, און ווען א מענטש פאלט אריין אין א צרה וועלן זיי דיר נישט העלפן; ענדערש פארברענג מיט דיין ווייב און קינדער, ווייל דאס וועט איבער בלייבן פון דיר. דו אליינס שרייבסט דעם ענטפער אין דיין שאלה! ליין איבער דיין פראגע ועסטו זען וואס דו האסט צו טון; אז ער טשעפעט און באליידיגט דיר - איז ער דיין חבר? זוך דיר מענטשן וואס טשעפען נישט און האבן נישט קיין לויזע מויל וכו'.

מוהרא"ש זכרונו לברכה זאגט: "א אינגערמאן האט נאר איין חבר - זיין ווייב"; סתם פארברענגען נעכט מיט אינגעלייט וואס אנטלויפן פון שטוב, אנטלויפן פון זייער לעבן - דאס זענען נישט קיין חברים, זיי זענען אינו מן הישוב, אזוי ווי חכמינו זכרונם לברכה זאגן (קידושין מ:): "**כָּל שֶׁאֵין בְּיָדוֹ מִקְרָא, מִשְׁנָה, וְדֶרֶךְ אֶרֶץ, אֵינוֹ מִן הַיִּשּׁוּב**"; סתם זיצן און שמועסן מיט אינגעלייט וואס עס קומט נישט ארויס פון די שמועסן קיין חיזוק צו לערנען חומש רש"י יעדן טאג, אדער משניות, אדער בענין פרנסה - עפעס תכלית, איז דאס אינו מן הישוב.

א חבר איז איינער וואס ווען איך גיי אריבער א צרה, איך גיי אריבער בזיונות - שטארקט ער מיר און ער איז מיר מחזק; ווען קיינער וויל נישט קוקן אויף מיר וכו' וכו', דעמאלט קען מען זען וואס הייסט א חבר.

### פלוצלינג טוישט זיך די חברים

אז מענטש וועט גוט קוקן אויף זיך, וועט ער זען, אז יעדע שטיק צייט מיינט ער אז ער האט אנדערע בעסטע חברים און פלוצלינג

טויעשט זיך עס, אלע זיינע חברים זענען פלוצלינג פארשוואונדן געווארן...

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

א כתיבה וחתימה טובה און א גוט געבענטשט יאר.

## איז דער תכלית אויף דער וועלט צו ליידן אדער הנאה צו האבן?

*לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,*

*דער ראש ישיבה זאגט אלץ אז מען דארף אלעמאל דאנקען דעם אייבערשטן און זאגן ש'כח אייבערשטער פאר מיין לעבן. וויל איך דאס מער פארשטיין, ווייל פון די אנדערע זייט זאגט דער ראש ישיבה אז דער אייבערשטער פרובירט אויס יעדן מענטש מיט שווערע ביטערע נסיונות, און ווי א גרעסערער צדיק מען איז פרובירט אים דער אייבערשטער אויס מיט שווערערע נסיונות, און דער אייבערשטער וויל זען צי מען וועט זיך דערהאלטן. אויב אזוי פארוואס דארף מען זאגן ש'כח אייבישטער פאר מיין לעבן? דער תכלית פון דער וועלט איז דאך בכלל נישט הנאה צו האבן דא, דער תכלית פון דער וועלט איז דאך אז מען זאל האבן שוועריקייטן און מען זאל זיך ווייטער האלטן שטארק ביי די אמונה, ווייטער היטן תורה און מצוות, און אזוי וועט מען באקומען שכר אויף יענע וועלט.*

*איך פארשטיי אז מען טאר זיך נישט אפרעדן, ווייל אלעס קומט נאר פונעם אייבערשטן, אבער איז די תכלית פון די וועלט הנאה צו האבן, אדער איז דער תכלית צו ליידן און שווייגן, און בלייבן מיט א שטארקע אמונה.*

*אזוי אויך די אלע סארט לשונות וואס מען נוצט דא אין היכל הקודש, צום ביישפיל "דער אייבערשטער איז זייער גוט צו מיר", פארשטיי איך נישט. גראדע איז דער אייבערשטער טאקע גוט צו מיר, איך האב זייער א גוטע לעבן ברוך ה', אבער דאס איז בכלל נישט די נקודה, אז איך וועל האבן א גוטע לעבן דא אויף דער וועלט, וועל איך דאך גארנישט באקומען פאר דעם אויף יענע וועלט, איך וועל נישט האבן מיט וואס אהיימצוגיין אויף יענע וועלט.*

*מען קען העכסטנס זאגן, איך גלייב אז אלעס וואס דער אייבערשטער טוט איז פאר מיין טובה, אז עס זאל מיר זיין גוט אויף יענע וועלט, וואס איז דער געדאנק פון זאגן אז איך האב א גוט לעבן?*

*יישר כח*

**תשובה מאת הראש ישיבה שליט"א:**

בעזרת ה' יתברך - יום ד' פרשת פנחס, ט"ז תמוז, שנת תשפ"ג
לפרט קטן

לכבוד ... נרו יאיר. איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

הגם איך פארשטיי נישט אזוי פונקטליך וואס דיך שטערט און וואס די פראגע איז - דאך וועל איך דיר ענטפערן מיט אפאר שיינע עצות פון רבי'ן.

### אפילו די גרויסע עשירים זענען אויך פיל מיט יסורים

דער הייליגער רבי זאגט (לקוטי מוהר"ן חלק ב', סימן קיט) יעדער איינער ליידט יסורים, עס איז נישט פארהאן א מענטש אויף דער וועלט וואס זאל נישט האבן קיין יסורים. און אפילו די גרויסע עשירים זענען אויך פיל מיט יסורים, אזוי ווי עס שטייט (איוב ה, ז): "אָדָם לְעָמָל יוּלָּד, קְצַר יָמִים וּשְׂבַע רֹגֶז", א מענטש איז באשאפן געווארן זיך צו מוטשען, דאס לעבן פון א מענטש איז ווייניג און פיל מיט ווייטאג. אזוי אויך זאגט שלמה המלך (קהלת ב, כג): "גַּם כָּל יָמָיו כַּעַס וּמַכְאוֹבוֹת", דאס גאנצע לעבן איז פיל מיט כעס און ווייטאג און עס איז נישטא קיין שום עצה וואו צו אנטלויפן - נאר צום אייבערשטן און צו די תורה.

אבער דער רבי געבט אונז אן עצה ווי אזוי מען זאל אויפנעמען די שווערע טעג. דער רבי זאגט (שם חלק א', סימן קצה) א מענטש דארף זוכן אין די צרה דאס גוטס וואס איז דא, אזוי ווי מיר זעען, דוד המלך האט שטענדיג געזוכט עפעס גוטס אויף וואס ער קען דאנקען דעם אייבערשטן, און אפילו ווען דער אייבערשטער האט געברענגט אויף אים שווערע טעג - האט ער געזוכט דאס גוטס. אזוי ווי דוד המלך דאנקט דעם אייבערשטן (תהילים ד, ב): "בַּצָּר הִרְחַבְתָּ לִּי", רבונו של עולם איך דאנק דיר אויף דעם וואס אין די צרה - האסטו מיר ברייט געמאכט", **און ווען מען קוקט און מען זוכט דאס גוטס, און מען דאנקט אויף דאס גוטס - ווערט באמת אן הרוחה, עס ווערט ברייט; ווייל ווי נאר מען הויבט אן דאנקען, מען הויבט אן לויבן דעם אייבערשטן - ווערט זייער גוט.**

**א מענטש האט נישט קיינעם בזה העולם, ווייל יעדער איינער מיינט נאר זיך אליינס, און ווען א מענטש פאלט אריין אין א צרה וועלן זיי דיר נישט העלפן; ענדערש פארברענג מיט דיין ווייב און קינדער, ווייל דאס וועט איבער בלייבן פון דיר.**

לאז אפ די חכמות, נעם דעם רבינ'ס ווערטער בתמימות ופשיטות; דאנק דעם אייבערשטן אויף אלע חסדים וואס ער טוט - וועט דער אייבערשטער דיר געבן נאך און נאך חסדים. מוהרא"ש זאגט נאך פונעם הייליגן רבי נתן זכרונו לברכה, ער פלעגט זאגן: **"ווען א מענטש רעדט זיך אפ, זאגט דער אייבערשטער: 'קוקט אן דעם מענטש, איך געב אים גוטס און דאך רעדט ער זיך אפ, איך וועל אים ווייזן וואס מיינט שלעכטס', אבער ווען א מענטש דאנקט דעם אייבערשטן, זאגט דער אייבערשטער: 'קוק אן דעם מענטש, ער האט גארנישט אין זיין לעבן און דאך איז ער אזוי פרייליך און דאנקבאר, איך וועל אים ווייזן וואס מיינט גוטס', און מען געבט אים א גוטע לעבן".**

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

צו באקומען די גליון וועכענטליך אויף אימעיל,
טעקסט אייער אימעיל אדרעס צו: 347.651.1218
אדער שרייבט צו: trpy458@gmail.com
**קול ברסלב 212.444.9191 / בא"י 0797040066**